— בעסער דער אָפּטער גראָשן, איידער דאָס ווייטע קערבל.
— געבענטשט זיינען די הענט וואָס טון אַליין.
— דאָס ערשטע געלט, איז קישקע געלט *.
— די קישקע [illegible] מזל.
— נויט ברעכ[illegible]ייזן.
— אַ רוח אין דעם געלטס טאַטן אַריין.
— ס'איז בעסער אין דרויסן איז „קעשאַוואַטע" ** און אין קעשענע איז אָדעס, איידער אין דרויסן איז אָדעס און אין קעשענע „קעשאַוואַטע" . . .

איייניקע פּרץ-נאָטיצן

## צו א. מ. פוקס ארטיקל

מיר האָבן נישט געשטריכן די שטעלן מיט וועלכע מיר זיינען בשום אופן נישט מסכים — דער גרויסער יראת־הכבוד, וואָס מיר האָבן צו די שאַפונגען פון י. ל. פּרץ, ברענגט ממילא מיט זיך מיט צו אַכטן די אַרבעט און די אייגענע מיינונג פון אונזערס אַ באַקאַנטן יידישן שרייבער, און מיר באַגניגענען זיך דערפאַר בלויז מיט די צוויי אומבאַדינגט נויטיקע באַמערקונגען.

## די אפשלוס-פייערונג

איז אָפּגעלעגט געוואָרן פונם 8־טן אַפּריל אויפן 15־טן אָדער 22־טן פון חודש.

• •

אויך, כדי דאָס העפטל זאָל זיין אינגאַנצן געווידמעט י. ל. פּרץ, לכבוד זיין 30־יעריקן יאָרצייט, איז צווישן אַנדער מאַטעריאַל אויך אָבגעלעגט געוואָרן פאַרן נעקסטן העפטל, דער צווייטער אַרטיקל פון אהרן גאלדבערג איבער דר. י. מ. זאלקינד.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

אין גרענד־פּאַלעי, קאַמערשעל רויד, א.1.—3 אַזייגער.

שבת, דעם 7־טן אַפּריל, שלמה גאָלדענבערג איבער פּרצעס שאַפן אין העברעאיש. י. טיגער: פּרצעס איינפלוס אויף די אייראָפּעאישע יידן.

שבת, דעם 14־טן, משה עובד איבער פּרצן דעם דראַמאַטורג. דראַמע־קרייז ביים קולטור־קלוב וועט אויפפירן פּרצעס „עס ברענט".

שבת, דעם 21־טן, אַ שלום־עליכם־פייערונג צום 29־טן יאָרצייט.

שבת, דעם 28־טן, ד' טראַדיציאָנעלע ל"ג־בעומר נאָכמיטאָג.

** קעשאַוואַטע—אַ קליין דערפל אין אוקראַינע, נעבן באַסלעוו, קיעוו. גוב.


א. נ. שטענצל

פערלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי און זין, לאָנדאָן, א.1.

פרייז -/1.



לאנדאן-ווייטשעפל מאי, 1945—נומער 64


# ערב-שלום-העפטל

## ערב שלום-שטימונג...

„אין שלום בעצמי מפני חטאתי"
(תהלים).

1

באַלד וועלן קלינגען די גלאָקן: שלום! שלום!! באַלד וועלן די מאַסן באַטרונקענע פון פרייד ארומלויפן אין די גאַסן צעהוליעטע און צעהילכטע: שלום! שלום!! יאָ, ס'איז אַ גרויסע פרייד, אַז באָמבעס וועלן מער נישט פאַלן איבער מענטשלעכע קעפּ, יעדע רגע נישט מער איינגעשטעלט זיין מיטן לעבן, נישט אויפגעציטערט פון מינדסטן גערויש; יאָ, ס'איז אַ גרויסע שמחה פאַר טאַטע־מאַמעס, אַז זייערע זין און טעכטער וועלן באַלד אהיימקומען פון די שלאַכטפעלדער!

באַלד וועלן די גאַסן אויפפלאַטערן ווי צעוויקלטע פענער פון הילכיק געלעכטער — אַ ווילדע פארשייטקייט וועט די גאַנצע שטאָט ארומכאַפּן, ווי אַ געליבטע, ווי אַ וואַרטנדיקע פרוי נעמט ארום איר מאַן, איר געליבטן אהיימקערנדיק פונם שלאַכטפעלד, דעם גיבור, דעם זיגער. אַ שוימענדיקע שאַמפּאַניער פלאַש, ווען דער פּראָפּן שיסט אויס, וועט די שטאָט אויפברויזן אין איר ווילדער באַגייסטערונג.

יאָ, אַ גרויסע באַגייסטערונג וועט די גאַנצע וועלט ארומנעמען, ווען די כלי־משחית וועלן זיך אָפּשטעלן! איז דען די איצטיקע מלחמה נישט געווען צו באַקעמפן דאָס שלעכטס פון דער ערד, דאָס אכזריותדיקסטע? איז עס דען נישט די מלחמת גוג־ומגוג? האָבן מיר יידן דען נישט אדורכגעמאַכט די חבלי של משיח?!

2

אָבער נישט דער געקלינג פון די קירכן־גלאָקן און נישט די פּרימיטיווע פרייד, נישט דער פרומער טומל און נישט די ווילדע באַגייסטערונג, פּונקט ווי נישט דער פּאָליטישער געפּלאָנטער פון שנעלע פאַרשווינען מיט זייערע זיידענע הענטשקעס פלינק ארויפגעצויגענע אויף זייערע מאַנעקירטע פינגער זיינען אַ גענוגענדיקע גאַראַנטיע דערפאַר, אַז דער קומענדיקער וואָפנשטילשטאַנד איז אַבסאָלוט אַנדערש ווי דער נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה; אַ חוץ דאָס, אפשר, וואָס די איצטיקע איז אַ בלוטיקערע, אַן אכזריות־דיקערע, אַ חוץ דאָס וואָס די געפאַלענע, די פאַרוואונדעטע ציילן זיך אצינד אין גרעסערע דימענזיעס, די מיליאָנען פאַרטאָפּלען זיך, אַ חוץ דאָס וואָס דער יידישער בראָך, דער יידישער צער איז אין לשער — — —

אָבער וואָס איז דאָך די גאַראַנטיע דערפאַר, אַז די מענטשן זאָלן נישט בלייבן ווי יענע טשאַטע זיך ביסנדיקע הינט, וואָס הערן נאָר אויף מיט זייער בייזן געביל און פאַרביסענעם ציינער־געבייס, ווען זיי ווערן מיד און פאַרמאַטערט אין זייער ווילדן געשלעג. אָבער ווי נאָר די כחות קומען זיי צוריק, ווי נאָר זיי האָבן זיך אויסגערוט אַ ביסל הייבט עס זיך ווידער אָן, מיט נאָך אַ גרעסערן קוראַזש און רציחה, מיט נאָך אַ בלוטיקערער אכזריות; ווי נאָר מ׳האָט זיך מיט דעם פגרים־פלייש גוט אָנגעזעטיקט און אָנגעפרעסן, בלייבן דאָך איבער די אַרומגעגריזשעטע ביינער, איבער וועלכע עס הייבן זיך ווידער אָן די ווילדע געשלעגן — — —

3

נאָר ווען יענער ציל־באַוואוסטער ווילן פון יענע אַרמייער און די הייליקע בענקשאַפטע און בלוטיקע דערפאַרונגען פון די אַלע איבערגעבליבענע יונגע לעבנס, אויפסניי געשטאַרקט אין זייערע כחות פון זייער געוואַלטיקן נצחון, וועלן בלייבן פאַרייניקט אין זייער ציל־באַוווסטן ווילן און הייליקן געפיל אויפצובויען אַצינד — אויף די בלוטיקע חורבות, אויף די ברודער־קברים! — אַ גערעכטערע, אַ בעסערע, אַ שענערע וועלט, נאָר דאָס אַליין איז די איינציקע גאַראַנטיע, די איינציקע זיכערונג פון דער מענטשהייט.

פרייד, באַגייסטערונג, דאָס זיינען נאָר באַגלייט דערשיינונגען פון פּלוצלינגע אויסברוכן, פון מאָמענטאַנע מאַסן־עמאָציעס — אַ ווילד צוזאַמענגעלויף פון די געבליטן אויף חידושים! פרייד און באַגייסטערונג ווי זיי קאָנען דאָס תמיד אויפגעבייטשט ווערן ווי סטאַדעס הינט צום געיעג — — —

און פרומער גלאָקן־קלאַנג דערמאָנט עס נישט גיכער אין לוויות, ווי אין נצחונות?! ציל־באַוואוסטע ווילן און געהייליקט מענטשלעך געפיל צו גערעכטיקייט, צו פעלקער פאַרברידערונג, צו ריינעם געוויסן צו פערפלאַנצן אין אַלע הערצער, צו קולטיווירן אין אַלע געמיטער, נאָר דאָס אַליין איז די איינציקע גאַראַנטיע, נאָר דאָס אַליין איז די איינציקע זיכערונג.

4

און די אַלע געפאַלענע, די אַלע אומגעקומענע יונגע לעבנס איז דען געווען זייער העלדן־טויט, בכדי זייערע נעמען זאָלן איינגעקריצט ווערן אויף מירמלשטיין־טאָוולען, בכדי זיי זאָלן ווידער אַמאָל וועקן פריידיקע באַגייסטערונג צו נייע מלחמות? איז דאָס געווען דער צוועק פון זייערע אָפּגעהאַקטע יאָרן? רואיק און געהייליקט וועלן זיי דאָך ערשט ווערן אין זייערע ברידער־קברים, ווען מיט זייער פריען טויט האָבן זיי, נישט נאָר דעם רוצח דעם אכזר אויסגעראָטן פון דער וועלט, נאָר זייער לעבן וועלן זיי האָבן אַוועקגעגעבן, אַז רציחה און אכזריות זאָל צווישן פעלקער אויף אייביק אויפהערן — זייער יונג־פאַרשניטן לעבן דאָס געוויסן פונם מענטש, דער כריתות־ברית צווישן פעלקער! אַז זייער נישט אויסגעלעבט לעבן זאָל קולטיווירט ווערן צו אַ שענערן און בעסערן לעבן פון דער מענטשהייט.



און מיר יידן! פריער וועט עס נישט שלום ווערן אין אונז, פריער וועלן אונזערע הערצער נישט געפינען קיין רו, ביז דאָס בלוט פון אונזערע קדושים וועט זעטיקן און זאַפּטיקן אָט דעם ציל־באַוואוסטן ווילן און געהייליקטע געפיל אין אַלע הערצער, ביז זייער קדושים־טויט וועט זיך צעוואַקסן אין אַלע מענטשן מיט זייער נישט-דערלעבטן לעבן. יאָ, אַ דערלייזונג אַ פרייד לדורות וועט עס קאָנען ערשט ווערן, ווען די מלחמה איצט איז באמת געווען מלחמת גוג ומגוג, אַז די אויסגעשטאַנענע ענוים און יסורים זיינען געווען חבלי של משיח.

א. נ. ש.

משה עובד

## קרוין פון טרערן

(פון בוך „אין חדר אַריין״)

טראָגנדיק אַ פּליט־יינגעלע, דאַר און קוואַר,
פון חדר אַהיים
דורכן דיקסטן חושך פון צרות און צער,
בלוט און גאַל ווי ליים,
האָט דער בעלפער צום יינגעלע אַרויפגעקוקט
אים געפרעגט מיטן בליק:
זאָג מיר, מיין קרוין פון טרערן,
וואו ביסטו געבוירן?
אויפן בית־עולם, פּוילן,
וואו איך האָב אַלעם פאַרלוירן.
און לעת־עתה וואוינסטו דאָ?
דאָ וואוין איך, דאָ.
ווי אַזוי, יינגעלע, רעדסטו די ווערטער אַרויס?
און ווי ליינגט דיין נשמה׳לע די אותיות אויס?
אַזוי, רבי׳ניו, אַזוי:
„דאָ״ מיט דער קמץ וואָס טוט וויי,
„וואוין״ מיטן זיפץ פון אוי!
און אין מיין „איך״ כאָרכלט די שלאָסע־ד,
ווי מיינע שוועסטערלעך און ברידערלעך
געשחטן ווי שאָף.

האָט דער בעלפער גאָרנישט געזאָגט,
נאָר זיינע טרערן אין מויל געניאָגט,
בענטשנדיק ס׳יינגעלע מיט אויגן פאַרמאַכט,
ער זאָל כאָטש האָבן אַ גוטע נאַכט.



מאַמע און קינד פון בערנאַרד מינינסקי



ו. גאראדינסקי

## לענין און די קונסט

לענינס אנשויאונגן איבער קונסט זיינען פאַרצייכנט אין די מעמואַרן פון אַ סך מענטשן וואָס האָבן אים פּערזענלעך געקענט, איבערהויפּט ביי גאָרקין, קלאַרא צעטקין און ביי זיין פרוי נאַדיעזשדאַ קרופּסקאַיאַ.

לענין האָט אנערקענט די געוואַלטיקע ראָלע וואָס די קונסט שפּילט אינם פאָרמירן די מענטשלעכע באַוואוסטזיניקייט, אינם סטימולירן שעפע־רישע געדאַנקען. ער האָט אָבער לחלוטין אָפּגעוואָרפן די אידיי, אַז קונסט איז בלויז אַ צייטפאַרטרייב פאַר אַזעלכע וועמען עס גייט גוט און איז שאַרף ארויסגעטראָטן קעגן אַלע אַרגומענטן מיט וועלכע מ׳האָט געזוכט אויפצו־ווייזן, אַז די קונסט איז אומאָפּהענגיק פונם סאָציאַלן לעבן. „איר קענט נישט לעבן אין אַ געזעלשאַפט און זיין איבער דער געזעלשאַפט“, האָט ער אַמאָל געזאָגט. אָט דאָס דאָזיקע מאַכט צו נישט די פוסטע, אינדיווידואַליסטישע פּלפּולים בנוגע קלוימערשט אַבסאָלוטער פרייהייט פאַר קונסט.

די גאַנצע קונסט־געשיכטע באַווייזט, אַז אַלע גרויסע, אומשטערבלעכע קונסט־ווערק זיינען אַ פּועל־יוצא פון סאָציאַלע אינטערעסן און ווערן אויך שטאַרק באַאיינפלוסט פון זיי. אפילו יענע מענטשן מיט זייער לאָזונג „קונסט לשם קונסט“ וואָלטן לגמרי נישט געווען בכח צו שאַפן אמתע קונסט ווערטן אויב זיי וואָלטן אין דערווירקלעכקייט, באַוואוסטזיניק צי אומבאַוואוסט־זיניק, נישט נעגאַנגען להיפּך צו זייערע אָנגענומענע מיינונגען.

ווי לענין קוקט אויף דעם ענין: קונסט עקזיסטירט נאָר פאַר יענע מענטשן וואָס האָבן זייער שורש אינם רעאַלן לעבן און זיי טאַקע שאַפן זי. דער סקולפּטאָר סערגעי מערקולאָוו האָט פאַרצייכנט, אַז לענין האָט אים אַמאָל געזאָגט, „גייט צו די מאַסן, אין די פאַבריקן און שפּינערייען אריין. דאָרטן וועט איר געפינען אימפּולסן פאַר שעפערישקייט“. פון דער באַמערקונג ווערט קלאָר לענינס באַנעם, אַז דער צוועק פון דער קונסט איז צו דינען די מאַסן און אויך, אַז דאָס זיינען בעצם די מאַסן וועלכע שטעלן מיט זיך פאַר דעם אינספּיראַציע מקור און דעם שעפערישן סטימול פאַר קונסט.

אין קרייזן, וואָס זיינען פיינטלעך געשטימט לגבי דעם סאָוויעטן פאַר־באַנד, ווערט אָפטמאָל געזאָגט, אַז דעם קינסטלערס שעפערישע פרייהייט איז ארומגערינגלט מיט כלערליי ספּעציפישע באַגרענעצונגען; אַז די קונסט איז בכלל רעגימענטירט אאַ״וו.

עס איז געגוג בלויז זיך צו באַקענען מיט לענינס ווערטער אויף אָט דעם ענין, כדי איינצוזען ווי אַבסורד די דאָזיקע באַשולדיגונגען זיינען. אין אַ שמועס מיט קלאַרא צעטקין האָט לענין געזאָגט, „אין אַ געזעלשאַפט, וואָס איר יסוד איז פּריוואַט־אייגנטום, מוז דער קינסטלער שאַפן פאַרן מאַרק און איז אַליין אָפּהענגיק פון זיינע קונים. אונזער רעוואָלוציע האָט באַפרייט דעם קינסטלער פון דער אונטערדריקונג וואָס אָט אַזעלכע פּראָזאַאישע אומ־שטענדן איבן אויס. דער סאָוויעטישער שטאַאַט איז געוואָרן זיין פּאַטראָן

און קונה צוגלייך. יעדער קינסטלער האָט דאָס רעכט צו שאַפן פריי אין הסכם מיט זיינע אייגענע אידעאַלן, פון גאָרנישט נישט געשטערט". אינם זעלביקן שמועס מיט קלאַראַ צעטקין האָט לענין ווייטער געדערט בפרט וועגן די אויפגאַבן פון דער קונסט פונם שטאַנדפונקט פון זיין טעזע, אַז „די קונסט געהערט צום פאָלק". לענין האָט אָנגעוויזן, אַז די אויפגאַבע פון דער קונסט איז צו סטימולירן געפילן און געדאַנקען און צו דערמוטיגן גרויסע מאַסן צו אַנטוויקלען זייער קינסטלערישן געשמאַק.

לענין האָט געקעמפט פאַרן רעכט פון פאָלק צו „ווירקלעך גרויסער קונסט". ער האָט אונטערגעשטראָכן אַז די קאַרדינאַלע אויפגאַבע מוז זיין צו שאַפן אוניווערסאַלע הערציאונג, צו דערמעגלעכן די מאַסן צו דערגרייכן דאָס העכסטע אין דער קולטור און אין דער קונסט.

נייע דורות זיינען אויפגעוואַקסן במשך פון די זיבן און צוואַנציק יאָר זינט דער סאָוועטישער שטאַט איז ענטשטאַנען. זיי האָבן שוין נישט נאָר לענינס געדאַנקען איבער דער קונסט נאָר אויך סטאַלינס. אָט דאָס איז די סבה פאַרוואָס סאָוויעטישע קינסטלער ווערען אַזוי טייער געהאַלטן און די קינסטלערישע ירושה אויך. איז עס דאָך געווען אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך, אַז אויף דעם אַכטן קאָנגרעס, דעם גרויסן היסטאָרישן קאָנגרעס וואָס האָט אַקצעפּטירט די סטאַלין־קאָנסטיטוציע, זאָל מען שפּילן בעטהאָווענס ניינטע סימפאָניע פאַר די פאַרזאַמעלטע דעלעגאַטן.

דאָס פּראָבלעם נאַציאָנאַלע קולטור איז פון העכסטער וויכטיקייט אין ראַטנפאַרבאַנד, און זיין באַציאונג צו דער קונסט און קולטור פון די פאַרשיידענע פעלקער איז אין הסכם מיט לענינס און סטאַלינס לערעס. סטאַלין האָט אונז געגעבן אַ סך הכל פון לענינס געדאַנקען איבער נאַציאָנאַלער קולטור אין אָט די פאָלגנדיקע ווערטער: „עס וואָלט געווען אַן אומזין אָנצונעמען, אַז לענין האָט באַטראַכט די סאָציאַליסטישע קולטור ווי אַ קולטור וואָס עקזיסטירט מחוץ דעם פאָלק; ווי זי וואָלט נישט געטראָגן קיין נאַציאָנאַלן חותם". ער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז גראָד די סאָציאַליסטישע אַנטוויקלונג שאַפט די בעסטע באַדינגונגען פאַר נאַציאָנאַלע קולטורן זיך פאַנאַנדערצובליען. „סאָציאַליסטיש אין תוכן און נאַציאָנאַל אין פאָרם".

אָט דאָס איז די קווינטעסענץ פון דעם ראַטנפאַרבאַנדס פּאָליטיק אין דער קולטור ספערע. די אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַלער קונסט אין סאָוויעטן רוסלאַנד, איינשליסנדיק יידישע קונסט, איז דער אוממיטלבאַרער פועל יוצא פון אָט דער פּאָליטיק וואָס לענין און סטאַלין האָבן פאָרמולירט. די דאָזיקע פּאָליטיק האָט נישט נאָר סטימולירט ווייטערע אַנטוויקלונג פון אוראַלטע קולטורן, ווי די יידישע, אַרמענישע, גרוזינישע און אַנדערע, נאָר האָט אַריינגעהויכט לעבן אין די קולטורן פון פעלקער וואָס האָבן ביז צו דער רעוואָלוציע אפילו נישט געהאַט קיין געשריבענע שפּראַך.

(דעם אַרטיקעל באַקומען פון סאָוועטישן פּרעסע־דעפּאַרטמענט)



א. נ. שטענצל

## היי־יאָר צום ערשטן מאַי

(אַזאַ בלומען־אַראַבעסקע)

1.

קאָן מען דען אָנפילן טולפּן־בייטן
מיט טריפנדיקן טרויער און מיט טרערן?
בלוטיק צעקנאָספּעט און תמימותדיק שטאָלץ,
זיי שטייען דאָך איצט געעפנט צו ווערן — —

מיט זון און בלוט־נעזיד איבערצוגיין,
מיט פרייד איבער אַלע הערצער צו פליסן.
אַז ס'האַרץ איז אַ טולפּ אַ געעפנטער,
קאָן מען'ס דען,—אַן אויג, אַ פאַרטרערטס,—פאַרשליסן?

מיט יעדן בלוט־טראָפּ רייסט עס זיך אַרויס,
מיט לוסטיק נעציטער פון אַלע גלידער — — —
אָ, מיט גליאיקן בליק, מיט פאַרלעשטן,
טריפן איצינד מיינע נצחון־לידער

2.

ליכטיקע פרייד איבער בלומען־בייטן,
זוניק צעשטראַלט מיט צעשמייכלטן שווייגן, —
דערפרייידט־פאַרשייט געווינס פונדערווייטן! —
זינגער־באַפרייער צו טראָגן אַנטקעגן.

ליכטיקע פרייד איבער בלומען בייטן,
האָפערדיק צעפונקלט מיט טויזנט גלאַנצן,
קאַליר נ'קאַליר ווינגדיק געפלאָכטן —
זינגער־באַפרייער מיט קרענץ צו באַקראַנצן!

נאָר ס'בעז־ביימל היימיש איבער מיין קאָפּ,
צעשאָקלט בלייך מיט דערשראָקענעם נייגן,
ס'וואָלט אויף אַ נישט באַגראָבענעם הרוג,
אַ צווייגל צוקאָפּנס אַנידערלייגן — — —

3.

זע, אויף דערנדלעך גייען רויזן אויף,
רויט אַזוי און בלוטיק — אָפענע וואונדן:

האָט דעך דער מערדער ערשט קוילן געמוזט,
אויף אייביק אצינד צו ווערן פאַרשוואונדן — —

ווי זיי וועלן דאָס ליכטיק אויפקנאָספּן,
און ווי וואונדערלעך, ווי הערלעך צו ווערן:
אזא שחיטה ערשט זיין ס'האָט דאָך געמוזט,
אז שחיטות אויף אייביק זאָלן אויפהערן — —

אָבער ווערט נישט מיט איר דאָרן צוזאם
אויפגעגאַנגענע רויז מיט־אָפּגעבראָכן?
אָ, ס'איז אויפגעציטערטער צער אצינד,
יעטוועדעס ליד פול פריידיקן נצחון.

.4

די פיאָלעטע פיילכלעך, שטיף־מוטערלעך,
ווען שוין ווידער אמאָל כ'וועל זיי דערשפּירן,
יעטוועדעס מיט זיין אייגענער צאַרטקייט,
מיט זיין דופּטיק צעציטערטן שעמירירן —

א זומער־פייגעלע איז ס'האַרץ דעמאָלט,
מיט יעדן ליפּטל א ליבע צו פירן!
די מיגניעדיקע פרייד פון א בלומל — —
ווען זון טאַנצט דערויף מיט טויזנט קאָלירן.

אָ, ווי ס'שרעקן מיך קומענדיקע טעג,
ווען דער יאַסמין וועט אָנהויבן צו בליען,
און עפּעס א טוכלער ריח פון טויט גאָר,
וועט שטויביק אויף ווייטע ווינטלעך אָנפליען — — —

.5

פּרימל־בלימלעך גלימערן אין זון,
ווי פּערנליוווערט אין גראָז געבליבן ליגן —
לעצטע בלוט־טראָפּן, אויסגעכאַרכעלטע,
ס'האָט א גוסס זיי אויסגעשפּיגן.

היטן זיך דאָך ווילדע בינען צומאָל,
זיי איבערצופליען און אויסצוזויגן,
און א געליבטער פאַר זיין געליבטע
נאָר אומגליק ר'וועט ברייגנען מיט זיי צו טראָגן — — —



אָ, פונקט אזוי די צעבליטע רויזן,
אין זייערע צייטיקסטע שאַרלאַך פאַרבן!
אויפגעגאַנגענע „רויזן“ אויף באַקן
פון די פאַרהונגערטע פאַר זייער שטאַרבן — —

.6

„רויזעלע אויף דער לאָנקע“ (געטהע)

די סטעזקע פון ווייַמאַר קיין בוכנוואַלד,
וויפילמאָל ביזט דו שפּאַצירן געגאַנגען,
יעדעס בלימל פון דיין פוס געבראָכן,
א פאַרליבטער פערז אין דיינע געזאַנגען.

וועסט זיך נאָכאמאָל מטריח זיין מוזן, —
אויב דו לעבסט און אומשטערבלעך ביזט געבליבן! —
און מיט אלע איצט ארויפגיין דאָרטן,
ווי א מאַמע בלימלעך צוזאַמגעקליבן,

א מאָלצייט פאַר איר איינציקס צו מאַכן,
איידער זי איז פון הונגער אויסגעגאַנגען — — —
זיי מוחל, אויב אומשטערבלעך וואָלסט געוועז,
בעסער געווירקט וואָלטן דיינע געזאַנגען —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

7

די שווערד־ליליען, די רויטע גלאַדיאָלן,
ווי שלאַנק זיי בלאַנקן פון צווישן די בלומען,
זאַפטיק פריש זיי אנטקעגנצוטראָגן
די זינגער, ווען זיי וועלן אהיימקומען.

די שווערד־ליליען, די רויטע גלאַדיאָלן,
פון א נאַ־שטיך אָקאָרשט בלוטיק זיי טריפן —
ארויסגעצויגענע פונם מערדערס האַרץ,
שאַרפע קלינגען שפּיציוודיק אויסגעשליפן.

די שווערד־ליליען, די רויטע גלאַדיאָלן,
ווי זאַפטיק רויט, ווי תאוהדיק זיי לייכטן!
די זינגער מיט זיי צו באַגעגענען,
ביי זייער ציל, זייער לעצטן דערגרייכטן.

8.

אפשר וועט זי וואונדערלעך אויפבליען
די בלויע בלום, די הימליש פאַרחלומטע,
גאַנצע וועלט אין אַ קראַנץ צו פֿערפלעכטן,
פון פעלקער פאַרברודערטע, פאַרשלומטע.

אָ, די בלויע בלום, די אויפגעבליטע,
פון מענטשלעכע הערצער פולע מיט גלויבן !
זשומען דאָך אַרום די עראָפּלאַנען,
איר בליטן־שטויב איבער וועלט צוצעשטויבטן — — —

איז דען נישט מיט אזוי פיל געוויינען
אויסגעזייט געוואָרן דער זריעה־זוימען,
אַז שניידן מיט געזאַנג מ׳זאָל אים אַצינד,
דעם נעצייטיקסטן טרוים פון אַלע טרוימען

הײנץ שטראה

## צום אנדענקן פון אַלעקסאנדער גראַנאַך

מיט גראַנאַך׳ן איז פאַרשוואונדן איינער פון די שטאַרקסטע טעמפּעראַמענטן אינם טעאַטער לעבן. אַלעקסאַנדער גראַנאַך האָט פּערזאָניפיצירט גרויסע מענטשלעכע ענערגיע איז געווען אַ שטיק פאַרקערפּערטע לעבנסלוסט און אַ שוישפּילער פון זעלטן גרויסן פאָרמאַט. ער איז געווען אַ מזרח־ייד — זיין מאַמע־לשון איז געווען יידיש. גרויסע דערפאָלגן האָט ער געהאַט אויף דער דייטשער ביהנע, און זיין וועלטבארימטקייט האָט ער געוואונען אַלס פילם־אַקטיאָר אין האָליוואוד. הן אזוי און הן אזוי האָט ער בולט פאַרקערפּערט יידישן גורל, יידישער גורל, וועמענס טראַגיק ס׳איז צו זיין אַרויסגעריסן מיט די וואָרצעלן, און לעבן מיט דער ביטערקייט פון היימלאָזיקייט דאָ און דאָרט און אומעטום. די דאָזיקע טראַגיק דערוועקט די בענקשאַפט, וועלכע גיט כח דעם יידישן מענטש.

איינגענטלעך איז גראַנאַך גאָרנישט געווען אויסגעוואָרצעלט. זיין גופניות׳דיקע ליבע צום לעבן האָט אויסערלעך באַצוואונגן דאָס געפיל פון היימלאָזיקייט אומעטום, וואו ער האָט געלעבט און געווירקט. ער האָט עס געקענט גובר זיין ווייל ער האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ יידישן מענטש. דאָס האָט אים געגעבן כח און באַרייכערט זיין נשמה. ער איז געווען אזוי רייך, אַז ער האָט מיטגעפילט מיט די אָרימע און מיט זיי צוזאַמען געליטן.

אַלעקסאַנדער גראַנאַך׳ס קונסט איז אַרויסגעוואַקסן פון בענקשאַפט. אַט־אָ־די קונסט איז געוואָרן פאָלקאָם ווייל זי איז געקומען פונם געפיל און איז געוואָרן געשפּייזט און דערנערט פון אַ היים הארץ, וואָס איז געווען איבער־



פילט מיט אַ ריינעם חוש פאַר יושר. בענקשאַפט, געפיל, חוש פאַר גערעכטיקייט, רחמנות בילדן און פאָרמעווען דעם שוישפּילער גראַנאַך אזוי, אַז ער האָט אייביק אויף דער ביהנע פאַרקערפּערט מענטשן פון פלייש און בלוט, מיט אמת׳ן געפיל און טעמפּעראַמענט. ער איז געווען — אויף דער ביהנע — דער פּראָלעטאַריער און רעוואָלוציאָנער וואָס האָט געוואָלט מיט דעם אוועקגעבן פון זיין לעבן ברענגען אַ בעסערע וועלט און ענדערן דעם לעבנס־שטייגער. קיין שום אַנדערער אַקטיאָר האָט נישט געבראַכט צום אויסדרוק אַזאַ הויכע מדרגה פון האַס און פאַראַכטונג. אפילו דאָרט וואו ער איז געווען דער פאַרלירער, האָט זיך זיין נידערלאַגע אַרויסגעוויזן צו זיין נאָר אַ פאַריבערגייענדיקע זאַך. זיין שיילאָק פלעגט דאָך צום סוף טריומפירן! אַלעקסאַנדער גראַנאַך איז געווען געבענטשט מיט פאַנטאַזיע. די דאָזיקע פאַנטאַזיע האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו שפּילן די שונאים פון זיין פאָלק אזוי עכט און געטריי, ווי ער וואָלט געווען אַ זייעריקער — ברואים, פּאַסקודניאַקעס, געשאַפן פון אַ בייזע מאַטעריע, וואָס פּראָוואָצירן האַס און אויפגעפלאַקערטע שנאה.

גראַנאַך איז געווען באַגאַבט מיט אַ גוטער אויסשפּראַך. זיין שטימלעכער אָרגאַן, רייך און שאַרף אין טאָן־פאַרבן האָט גענוג כאַראַקטעריזירט און געשאַפן אַ באַשטימטן פּראָפיל. איראָניע און שפּאָט צער און אינערלעך געפיל האָט אויסגעדריקט דער קלאַנג פון זיין שפּראַך. ער האָט אַמאָל געלעזן אַ נאָוועלע פון היינריך מאַנן. דער פּאַרלייענער גראַנאַך איז געווען זער באַהערשט, אָבער דעם דיכטערס וואָרט און דעם רעציטאַטאָרס שטימלעכער קלאַנג האָבן געשאַפן פאַר די צוהערער אַ לעבעדיק בילד פון מענטשן און אומגעבונג; האָבן אויפגעבויט פאַרן אוידיטאָריום אַ נאָוועלע, אַ שטיק פּראָזאַ, וואָס האָט געווירקט אויף זיי ווי אַ לעבעדיקע דראַמע.

אויף ליבע צום טעאַטער האָט ער אַלס אַכצעניעריקער געברענגט אַ קרבן: מיט דער הילף פון אַן אָפּעראַציע האָט ער זיך געלאָזט צוברעכן זיינע קרומע פיס, כדי צו קענען אויפטרעטן אויף די ביהנע מיט גלייכע פיס.

ער האָט געשפּילט אויף פרעמדע שפּראַכן. באַרניק איז געווען זיין שטייגן צו באַרימטקייט. אין בערלין האָט ער זיך גערעכנט צו די גרעסערע אַקטיאָרן. אַ קורצע צייט האָט ער געשפּילט אין זיין געבוירן־לאַנד אויף דער יידישער ביהנע. און נאָכן צווייטן גלות האָט ער אין האָליוואוד געפייערט טריומף און דערפאָלג.

אַ צו שפּעט אָבסערווירטע געשווילעכץ פונם בלינד־דאַרם האָט אַלעקסאַנדער גראַנאַך׳ן, קוים איבער די פופציק אַרויסגעריסן פון לעבן, וואָס ער האָט אזוי געליבט. ער האָט נאָך געהאַט די זכיה צו זען ווי די שונאים פון זיין פאָלק ווערן פאַרניכטעט און פאַרטיליקט. זיין צו מיר אויסגעדריקטער וואונטש מלוכה־אַקטיאָר פון אַ יידיש לאַנד צו זיין, איז נישט געוואָרן מקוים.

ליבער, ליבער אַלעקס! דו ביסט געווען אַ גוטער פריינט, אַ פיינער חבר

און א גערעכטער בעל־שנאה. אין מיין זכרון לעבן נאך די אווענטן און נעכט אויסגעפילט מיט דיסקוסיעס און פול מיט אומגעבונדענקייט. ווען דו האסט נעשפילט דעם שיילאק צום ערשטן מאל, זיינען מיר נאכן שפילן נעגאנגען „פייערן". דו האסט אונז געפירט אין א קליין ביליק ארעמלעכן רעסטאראן נישט ווייט פונם טעאטער. דארט האסטו נעטראפן א גרופע יידישע אקטיארן. דו האסט געהייסן אלע טישן צוזאמענשטעלן און האסט אלע אנוועזנדע טראקטירט. נאכדעם האסטו מיט זיי געזונגען די מיט בענקשאפט און הומאר אדורכגעזאפטע לידער פון אונזער פאלק. אין יענער נאכט האב איך דיך געזען אן אמת גליקליכן.

זאל דיר זיין גרינג די פרעמדע ערד!

## ארטור סעגאל ע״ה

דער באקאנטער יידיש־רומענישער מאלער ארטור סעגאל, וועלכער וואלט היי־יאר געפייערט זיין 70־טן געבוירן יאר איז פלוצלינג געשטארבן. איבער די אייגנארטיקייט און אפטע ענדערונגען אין סעגאלס מאלעריי, ערשט לעצטנס דער עסיי אינם העפטל „יידיש שאפן". עס גרייט זיך צו א גרויסע אויסשטעלונג פון סעגאלס לעבנס־ארבעט, און מיר גרייטן אויך צו א מאנאגראפיע איבערן נפטר. כבוד צו זיין אנדענקן!



זון־אונטערגאנג פון ארטור סעגאל



אליהו פאלושאק

## די נויטווענדיקייט פונם פאריין פאר יידיש-לשון

אין דער שפראך דריקט זיך אויס קוואל און רייכקייט אינם קולטורעלן שאפן פון א פאלק. שפראך און אנטוויקלונג פון שפראך זיינען א גרויסער באשטאנדטייל פון א נאציאנאלער קולטור. פאלקלאר און ליטעראטור, רעליגיע, פילאזאפיע און וויסנשאפט זיינען נישט מעגלעך אן שפראך און ענטוויקלונג פון שפראך. שפראך איז דער אומענדלעכער נישט אויסשעפבארער ברונעם, פון וועלכן עס ציט יניקה א געזונט פאלק, וואס איז לעבנס־און שאפונגס־פעאיק; א פאלק וואס וויל לעבן און שאפן נישט נאר פארן היינט אדער מארגן, נאר פאר אייביק.

טרעפט זיך אמאל ביי א שוואך פאלק א פאר וואוילע־יינגען, שוואכע „אינטעלעקטואלן" אדער גייסטיק דעגענערירטע, וואס פארשטיין נישט די צייכן פון צייט און וועלט און אנטדעקן פלוצים, אז די וואסערן אין אייגענעם ברונעם זיינען נישט גענוג טיף אדער צו ארעם; אז דער אייגענער ברונעם איז לויט זייער מיינונג נישט קיין אייביקער לעבנסקוואל. וואס טוען זיי? ווי אויף א קאמאנדווארפן זיי מיט כח, פרעכקייט און עזות אין דעם אייביקן נישט אויסשעפבארן ברונעם און ווילן אים פארשיטן. און וואס עס געשעט, איז נישט קיין נס, נאר נאטירלעך: דאס וואסער שטייגט אלץ העכער און העכער, און גלאנצט און שיינט מיט עניוות און שטאלץ אין די פנימער פון די וואס ווילן צושטערן דעם אייביקן לעבנסקוואל.

געמיינט איז דא אונזער יידיש אדער „יידיש־לשון", ווי מיר רופן עס היינט: א שפראך, א פאלקסשפראך, וואס ווערט היינט נאך גערעדט, געלעזן און פארשטאנען פון מיליאנען יידן אין הער גאנצער וועלט—א לעבעדיקע שפראך פון א נאך לעבעדיקן פאלק. מיט דורות צוריק האבן זיך אינטעליגענץ און כלומרשט־אינטעליגענץ גענומען די אויפגאבע צוצושטערן יידיש אלס שפראך־פארמיטלער פון זייער אייגן פאלק. זיי האבן פראפאגירט און אויסגע־פויקט אנצונעמען די שפראכן פון די לענדער, וואו יידן וואוינען, אלס נאציא־נאלע און פארקערס־שפראך. באלד האט עס אויסגעזען, אז זייער ארבעט וועט האבן דערפאלג (און באמת האבן זיי אין א גרויסער מאס געהאט דערפאלג אין פארשידענע לענדער.) אבער אויף דער אנדערער זייט איז גראד אין דער צייט פון די גרויסע מחלוקות אין דער שפראכן־פראגע געווארן געלייגט דער פונדאמענט פון א ליטעראטור אין יידיש. דער דערפאלג וואס די שונאים פון „יידיש־לשון" האבן געהאט אין דער צייט פון דער השכלה און שפעטער, איז חלילה נישט צוניץ געקומען דער העברעאישער שפראך און ליטעראטור: דער רעזולטאט פונם גרויסן קאמף קעגן יידיש איז אן א ספק געווען א טייל-נצחון פון דער אסימילאציע. דארט און דאמאלט, וואו יידיש האט נישט געקענט ווערן ארויסגעשטויסן פונם לעבן פון די געזונטע יידישע פאלקסמאסן אין

מזרח־אייראָפּע, איז דער פּועל יוצא געווען אַ זיסער, מעלאַנכאָלישער, סאַטירישער און אויך הומאָריסטישער פאָלקלאָר און ליטעראַטור: מענדעלע, שלום עליכם פּרץ, אַש, נאָמבערג, רייזין, ווייסענבערג, ראָזענפעלד, פרוג, בערגעלסאָן, אָפּאַטאָשו, בעל מחשבות, לייוויק, ניגער, נחמן מייזעל ביז דאָ אהער צו אונזערע לאַנדאַנער שרייבער און דיכטער: משה עובד און סאָכאַטשעווסקי, לעאָ קעניג און ס. פּאַלמע, א. נ. שטענצל און י. אַ. ליסקי און אפילו איציק מאַנגער, וואָס שושקעט לידער זיין „שטאַרבעדיק" פאָלק אין אויער אריין...

און אָט־אָ די יעניקע, די כלומרשט גערעכטע און שטאַרקע, וואָס קומען צום פאָלק אינם נאָמען פון אַ געוויסער קולטור־מיסיע און זאָגן, אַז מען מוז זיך איינלעבן און איינזיינגן אין דער שפּראַך און קולטור פונם איינזעסיקן פאָלק, כדי נישט צו בלייבן אייביק פרעמדע—אָט־אָ זיי דערציילן מעשיות פון נעכטן. זייערע אַזוי־גערופענע „קולטור־מיסיע" איז שוין לאַנג באַנקראָט. זיי ווייסן אויך שוין אפשר, אַז זיי זיינען באַנקראָט, און געשווינט האָט זיך אַ טייל פון זיי צוגעכאַפּט צו אַ נייע פּאַראָלע, וואָס איז געווען מאָדע די לעצטע 30־40 יאָר: עברית או פולנית, עברית או אנגלית וכו'.

די שפּראַכן־פראַגע אין ארץ ישראל איז אַ פראַגע פאַר זיך און אויך אַן אָנגעווייטיקטע פראַגע, וואָס דאַרף זיכער ווערן באַהאַנדעלט קלאָר און איינדייטיק. לאָמיר רעדן פון לענדער, וואו יידן לעבן אַלס פאָלקס־גרופּע און מינדערהייט;—איז דאָרט, וואו יידן פאַרלאָזן די באַזיס פון יידיש אַלס פאָלקסשפּראַך אינם טאָג־טעגלעכן פאַרקער, פּרעסע, קהלה־לעבן, פאָלקלאָר, טעאַטער, ליטעראַטור און געזאַנג; דאָרט, וואו עס הערט אויף דאָס יידישע וויגליד מיט די „ראָזשינקעס און מאַנדלען"; דאָס פאָלקס־ליד פון „יאַמי, יאַמי זינג מיר אַ לידעל, וואָס דאָס מיידעלע וויל", פון דעם „העמערל, העמערל קלאַפּ", „הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן" פון רייזינען, „מיט דעם וואַנדערשטאַב אין האַנט" פון מאָרים ראָזענפעלד ביז צו די שאַפונגען פון אונזערע יינגערע און יינגסטע דיכטער—דאָרט הויבט זיך אָן די צושטערונג און אויפלעזונג פונם יידישן פאָלקסלעבן, פון אייגענער שאַפנסקראַפט. דער יחיד און דער כלל ווערט אינם   ב ע ס ט ן   פ אַ ל —אַ גייסטיקער פּאַראַזיט, וואָס לעבט זיך אויס נאָר אין דער קולטור פונם אַזוי־גערופענעם גאַסטפאָלק און שאַפט נישט מער קיין אייגנס; און אינם   ע ר ג ס ט ן   פ אַ ל —קוקט אייך אַרום אין אונזערע יידישע גאַסן און געסלעך, קוקט אייך צו צו דער יוגענט און איר זעט בולט דעם רעזולטאַט: אומוויסנקייט פון יידיש און יידישער גייסטיקייט און קולטור הייסט נאָך נישט בילדונג אין ענגליש. אָפּגעריסן פונם אייגענעם קוואַל, הייסט נאָך נישט זיין צוגעבונדן, איינגעגלידערט און אַקצעפּטירט אינם ענגלישן פאָלקסטום מיט זיין אַלטער געשיכטע און טראַדיציעס, פאָלקלאָר און מוזיק, קונסט און ליטעראַטור.

---



אַנדערע פאָלקסגרופּן, ווי די פלעמער, אוקראַינער, רוטענער און אַלעמאַנען (אַ גערמאַנישער פאָלקס־שטאַם אין עלזאַס) האָבן צו קעמפן אַ גלייכן קאַמף וועגן זייער שפּראַך און קולטור, ווי מיר יידישיסטישע יידן. און דאָך האָבן זיי עס לייכטער ווי מיר. אויף דעם שטח, וואו זיי לעבן (די אוקראַינער אין פּוילן, די רוטענער אין טשעכאָסלאָוואַקיע, די פלעמער אין בעלגיע, די אַלעמאַנען אין עלזאַס), זיינען זיי די מאַיאָריטעט און קעמפן פאַרן קיום פון זייערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן און קולטור. טראָצדעם די אַרומיקע סביבה, די אָפיציעלע מלוכה־געוואַלט וויל זיי בכוח אַסימילירן, שטעלן זיי זיך מיט אַ שטאַרקערן כח אַקעגן. און דאָס לעבן אויף אַ באַשטימטען שטח, אַ מין אַרט קאָנקלאַווע, זיכערט זיי דעם נאַציאָנאַלן קיום און זייער נאַציאָנאַלן ז י י ן

פאַר אונז יידן איז דאָס צו ווייניק. לעבעדיק צעזייט און צעשפּרייט צווישן פרעמדע פעלקער איז ז י י ן אַליין נישט גענוג. לעבעדיק אונטער פרעמדע הימלען, ברויכן מיר אַ שטאַרק פאָלקס־און נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיין.

און אַ געזונט און שטאַרק פאָלקס־און נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיין קען נישט גיין אין אחדות מיט דעם געדאַנק צו זיצן און צו נאַשן גייסטיק ביי אַ פרעמדן טיש. אַ פאָלק מיט אַן אַלטער היסטאָריע און טראַדיציע קען נישט זיין דער גייסטיקער קעסט־בחור און פּאַראַזיט ביי אַנדערע פעלקער. און די אַזוי־גערופענע גאַסטפעלקער ווילן גאָרנישט האָבן אונזער אַריינמישן זיך אין זייער אינערלעך גייסטיק לעבן און שאַפן. די יינגסטע פאַרגאַנגענהייט און די געשעענישן אין דייטשלאַנד, אונגאַרן, פּוילן, איטאַליע, אפילו פראַנקרייך און אָט־אָ דאָ אין ענגלאַנד פון פאַר דער מלחמה רעדן אַ קלאָרע און דייטלעכע שפּראַך פאַרן געדאַנק פון אַ אייגן־יידישער קולטור.

די פלעמער, עלזאַסער, אוקראַינער, רוטענער האָבן אויפגעהאַלטן זייער געזונטן פאָלקס־אינסטינקט און פאָלקס־קולטור, ווייל זיי האָבן זיך די גאַנצע צייט אָנגעהאַלטן אָן דער מאַמעס פאַרטוך — די פאָלקס־שפּראַך. זיי האָבן געפלעגט און אָפּגעהיטן זייער פאָלקלאָר און ליטעראַטור. זיי האָבן געבראַנגט קרבנות צו שאַפן מוסטערהאַפטע פאָלקס־טעאַטערס; זייערע גלחים האָבן געדרשנט און דרשענען טראָץ טעראָר, אין דער פאָלקס־שפּראַך. דאָס פאָלק האָט געבראַנגט קרבנות צו שאַפן אַ געזונטע נאַציאָנאַלע פּרעסע, וואָס זאָל דינען די אינטערעסן פון אַלע פאָלקסשיכטן, וואָס קעמפן פאַר אַן אייגענע פאָלקס־קולטור, באַזירט און געפונדעוועט אויף דער מוטער־שפּראַך.

אין דער שפּיץ פון אָט־אָ־די פּילזייטיקע טעטיקייטן, איז געשטאַנען דער שפּראַך־פאַראיין, אַזוי ווי דאָ ביי אונז אין אונזער אָרעם וועלטל שטייט אונזער פאָלקס־שפּראַך־פאַראיין — „פריינט פון יידיש־לשון".

מיר זעען און ווייסן, אַז דאָ אין אונזער וועלטל וואָלט מען געוואָלט מיט געוואַלט באַזייטיקן יידיש אַלס שפּראַך  עס וועט זיי נישט געלינגען! עס וועט אויפשטיין אַקעגן דעם אַ געזונטע רעאַקציע! זאָלן זיי דרשענען ענגליש אין זייערע האַלבפּוסטע שולן און שולעכלעך; זאָלן זיי אָפּהאַלטן

ליטעראַרישע צירקלען און טאַנצקרענצלעך פאַר צוויי מנינים מענטשן. ווען „פריינט פון יידיש־לשון" מיט דער הילף פון די נאָך־גענוונטע פאָלקס־מאַסן וועלן אַנגייען מיט זייער אַרבעט אויפן געביט פון יידישן פאָלקלאָר, ליטע־ראַטור, געזאַנג און טעאַטער,—און שטיצן אַלץ און אַלעמען, וואָס שאַפן באַ־וואוסט יידיש אין וואָרט און שריפט; ווען מיר מיט אַט דער הילף פון פאָלקס־גרופן וועלן אויפבויען אַ פּלאַץ, וואו יידיש־באַוואוסטע מענטשן זאָלן האָבן אַ גייסטיקן מקום מנוחה: — אַ פּלאַץ, אַ היים און אַ בנין, וואו דער יידישער געזאַנג, דאָס יידישע ליד זאָל שטאָלץ און פריי קלינגען צו אונזער אויער און הארץ; — דעמאָלט וועלן נישט נאָר די טאַטעס און מאַמעס, דע־מאָלט וועט אויך די יוגענט זיין מיט אונז און נישט מיט זיי, די נאָכשלע־פּערס און בעטלערס ביים פרעמדן טיש.

און אַט־אָ־דאָס אַלץ איז נאָר מעגלעך צו דערגרייכן ווען מען טוט עפּעס. און צום טון ברויך מען מענטשן, וואָס ווייסן, וואָס זיי ווילן און פאַרשטיין די באַדייטונג פון אייניקייט. און צו אייניקייט ברויך מען אַן אָרגאַניזאַציע. די אָרגאַניזאַציע איז דאָ — שליסט אייך אָן! דאָס איז „פריינט פון יידיש־לשון".

## אַ העפטל נאָטיץ

דאָס העפטל פון היינטיקן חודש טיילן מיר אין צוויי נומערן — דאָס היינטיקע פאַרקלענערטע „ערב־שלום" העפטל, און דאָס צווייטע — שוין מסתם „שלום־העפטל".

דער באַריכט איבער די י. ל. פּרץ אָוונטן אין לאָנדאָן, מאַנטשעסטער און לידז, ווי אויך די אַרטיקלען פון סערזשאַנט י. ח. קלינגער, פון אהרן גאָלדבערג, בן־ציון מרגליות, עלעק וואָטערמאַן, י. א. לעווי, שלמה גאָלדענבערג, קומען אַריין אין די קומענדיקע נומערן.

(די מיטטיילונגען איבערן צווייטן העלפט חודש אין קומענדיקן העפטל).

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאָכמיטאָגס

(אין קווינס־האָל, קאָמערשעל רויד, 83־85, א.1.—3 אַזייגער.)

שבת, דעם 5־טן מאַי, וועט חזן שמואל ראַט האַלטן אַ רעפעראַט איבער אַראַבישע מעלאָדיעס.

שבת, דעם 12־טן, די געדעכניש־פייערונג פון דער וואַרשעווער געטע. א. מ. קייזער וועט ריידן איבער די געשיכטע פון דער וואַרשעווער געטע

**א. נ. שטענצל**

פערלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי און זין, לאָנדאָן, א.1.

**פּרייז -/1.**



# דאָס שלום־העפטל

## נצחון - און תפילה - לידער

(אין ווי־דעי" טאָג)

.1

נישט איך אַצינד קאָן דעם נצחון באַזינגען —
די פרייד פון הונדערטער דורות ער וועט זיין!
צער פון אַ פאַרפייניקטן דור יאָמערט אין מיר,
פול פאַרכלינעטן, פול פאַרשטיקטן געוויין.

אויף אַלע וועגן ס'אומזיסט פאַרגאָסענע בלוט —
דער פערגליווערטער ציטער אין מיין געזאַנג!
דאָס זידיקע בלוט פון אונזערע קדושים,
ס'איז דער שליאַד דערפון יעדער זון־אונטערגאַנג.

נישט איך אַצינד קאָן דעם נצחון אויסזינגען —
אַזוי געוואַלטיק איז ער און אַזוי גרויס!
דער גסיסה־כאָרכל פון די געקוילעטע
רייסט זיך מיט מיינע געזאַנגען מיט אַרויס.

דאָס אומזיסט פאַרגאָסענע בלוט פון מיליאָנען
ווי נקמהדיק ס'זידט, ווי אומשולדיק ס'רינט — — —
אָ, די נישט דערלעבטע פרייד פון די קדושים,
די גאַנצע וועלט נעמט זי דאָך אַרום אַצינד.

.2

די פרייד אין די גאַסן, אויף אַלע פּנימער — — —
און מיין בליק איז ער נישט אַ פלאַמיקער בליץ?
יאָ, די טויטן־אויוועגס מיידאַנעק, אַשווענטשים,
נעמען אַרום מיך מיט אַזאַ ווילדער היץ!

נישט מאַרשן פון היימקערנדיקע חיילות,
מיט הילכיק פאַרשכורטן הוראַ־געשריי;
הונדערט טויזנט ליידיקע שיך פון מיידאַנעק
מאַרשירן אָן אויפהער פאַר מיין בליק פאַרביי.